בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**תשפ״ז**

421

## לשליחת מכתבים ושאלות
## אל הראש ישיבה שליט"א

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי
המכון, המאירים את בתיהם
של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו
347-578-4449

או שלחו מייל לכתובת
DONATE@KERENHADFUSA.ORG

מכון עצתו אמונה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועל אִיךְ פַאלְן?........................................א
וֶוען וֶועל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין פַארְרֶעכְטְן? ..................................ג
וָואס זָאל אִיךְ טוּן פַאר שׁוֹבָבִ"ם? ......................................ה


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


גֶעטַאנְצְן פְרֵיילִיךְ ........................................................א
אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר אַייךְ ..........................................ב
אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶער תַּלְמִיד ..........................................ג
שְׁמוּעֶס אוֹיס דִי גַאנְצֶע זַאךְ ..........................................ג
אוֹיפְגֶעהֶערְט אוֹיסְצוּהֶערְן פַאדְקֶעסְטְס אוּן דָאס גְלַייכְן..........ד
מִיט צְדָקָה קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן .......................................ה
נִישְׁט נֶעמֶען קֵיין הִיטְשׁ מִיט אַ פְרֶעמְדֶער ..........................ו
אַסַאךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים..........................ז
מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט, אָבֶער אִיךְ דַארְף דֶעם צַדִיק......................ז
אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, יוֹם תְּהִלִים, מִיט חוּמָשׁ......................ט
שׁוֹבָבִ"ם פַאר מֵיידְלֶעךְ ................................................ט
מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס דוּרְךְ נִיבּוּל פֶּה ..................................יא
קוּק אִין דַיין הַאנְט, וָואס בַּאקוּם אִיךְ פוּן רֶבִּי'ן.......................יב

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נָאר רֶעדְן שֵׁיין, גָארְנִישְׁט מֶער..........יד

דִי וַוייבּ וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם גוּטְן..........יד

זִיךְ אַיינְשְׁרַייבְּן אִינֶעם פְּרָאגְרַאם פוּן "דִּרְשׁוּ"..........טו

גֵיין מִיט חֲסִידִי'שֶׁע שִׁיךְ..........טז

גֶעבְּן שִׁיעוּרִים פַאר אִינְגֶעלַייט בִּימֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם..........טז

זוּכְן דָאס גוּטְס אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן..........יז

אַ נְשָׁמָה אִיז הוּנְגֶערִיג..........יח

עֶס אִיז שׁוֹבָבִי"ם, וְוִי הֵייבְּט מֶען אָן?..........יט

אוֹיסְטַייטְשְׁן דָאס דַאוֶונֶען אוּן תְּהִלִּים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין..........כ

אוֹיסְצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע בִּיז פֶּסַח..........כא

וואוּ אִיז מַיין שִׁידוּךְ?..........כב

עֶס זֶעט אוֹיס טוּנְקְל אוּן שְׁוַוארְץ..........כב

וַוייטֶער גֶעבְּן מַעֲשֵׂר?..........כג

דִי עֶרְשְׁטֶע תִּיקוּן אִיז מִקְוֶה..........כג

צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - אַ פַּאנְצֶער..........כד

גֶעבּ אַכְטוּנְג וָואס דוּ קוּקְסְט..........כה

אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן הַארְץ דִי וֵוייטָאג אוֹיף דִי וַוייבּ..........כז

גָארְנִישְׁט אִיז הֶעכֶער פוּן דִי שִׂמְחָה אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ..........כט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווי לַאנְג נָאךְ וֶועל אִיךְ פַּאלְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט מֶער, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין מַאכְן נַייעֶ קַבָּלוֹת אוּן נַייעֶ גְּדָרִים, אָבֶּער אִין דִי לֶעצְטֶע תְּקוּפָה שְׁפִּיר אִיךְ מַמָּשׁ אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זִיכֶער אַז שׁוֹבְבִי"ם וֶועל אִיךְ זִיךְ קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אָבֶּער עֶס גֵייט מִיר מַמָּשׁ נִישְׁט, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ קַיי שְׁטְרוֹי.

גְלַייךְ אִין אָנְהוֹיב וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן אִיז מִיר אַסַאךְ גְרִינְגֶער גֶעוֶוען, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ לַייכְטֶער גֶעקֶענְט הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן. כָּאטְשׁ וָואס פַּאר אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן הָאבּ אִיךְ לֵיידֶער גָארְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ שְׁרַייבְּן, דָאךְ וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן הָאבּ אִיךְ אַלֶעס אָפְּגֶעלָאזְט אוּן גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער לֶעצְטְנְס שְׁפִּיר אִיךְ מַמָּשׁ ווִי אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער.

אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ אַ בְּחִירָה, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת, אִיךְ קְלֶעטֶער אוֹיף גְרָאדֶע וֶוענְט, יֶעדְן טָאג מַאךְ אִיךְ אַ פְרִישֶׁע הִתְחַדְּשׁוּת, אֵיין טָאג גֶעלוּנְגְט עֶס מִיר, אָבֶּער נָאכְדֶעם פַּאל אִיךְ וַוייטֶער.

הַלְוַאי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַּאר מִיר, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן, מֶער נִישְׁט צוּרִיק צוּ פַּאלְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן.

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר הֶעלְפְן, אִיךְ וֵויין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, וַוייל אֵיינֶער וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיים יֵצֶר הָרָע אִין טַאשׁ אוּן עֶר ווִיל זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן אִים - וֶועט דֶער יֵצֶר הָרָע מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אִים צוּרִיק אַרַיינְשְׁלֶעפְּן צוּ זִיךְ, אוּן אִים צוּרִיק אַרָאפְּוַוארְפְן אִין זַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים.

מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי טוּמְאָה, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טַייטְשְׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא כ:): "כְּבָר צָווח הַכֹּהֵן אָנָּא הַשֵּׁם, וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ בִּירִיחוֹ", זָאגְט עֶר (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, תְּחִלַּת פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח): "שֶׁזְּמַן אָרוֹךְ צָרִיךְ הָאָדָם לִצְעֹק אָנָּא הַשֵּׁם, עָזְרֵנִי שֶׁאֶזְכֶּה לְעָבְדְךָ בֶּאֱמֶת, וְאָז וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ, אֲבָל לֹא בְּיָמִים מוּעָטִים", מֶען דַארְף שְׁרַייעֶן אַ לַאנְגֶע צַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם", אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען דִי תּוֹרָה אוֹיךְ הֶעלְפְן, דִי תּוֹרָה הָאט אַזַא כֹּחַ אַז עֶס קֶען אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי עֲבֵירוֹת, "וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה; בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, "כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן זֵייעֶרע עֲבֵירוֹת דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת; אַ וָוארְט פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַ וָוארְט, אוּן אַ צוּזָאג פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַ צוּזָאג; אַז מֶען מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אָדֶער זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת - קְרִיכְט מֶען אַרוֹיס פוּן דִי טוּמְאָה, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי זַאךְ אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַן עֵצָה אַרוֹיס צוּ שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עֲבֵירוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן 'אוֹיבּ תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן?' הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אוּן גֶעזָאגְט: 'דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס!'" אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין דִי נֶעגְל פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, עֶר זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה וֶועט עֶר אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען וֶועל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין פַארְרֶעכְטְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס קוּמְט שׁוֹבְבִי"ם וִויל אִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֶם גֶעוֶוען, אוּן נִישְׁט נָאר אִיךְ פַארְרֶעכְט נִישְׁט, נָאר אִיךְ וֶוער נָאר עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אוֹיף צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּן וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען? עַד מָתַי?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמא), עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעגֶעבְּן זַיין זוּן זָאל אִים אַרוּיפְשְׁלֶעפְּן אַ גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע שְׁטֵיין צוּ דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק, דֶער זוּן הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט טוּן דֶעם ווִילְן פוּן זַיין טַאטְן אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן דִי שְׁטֵיין אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען. וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעזֶען ווִי זַיין קִינְד אִיז זִיךְ אַזוֹי מְצַעֵר הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: וֶוען אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט זָאלְסְט אַרוּיפְשְׁלֶעפְּן דִי שְׁטֵיין הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן דוּ זָאלְסְט עֶס אַזוֹי אַרוּיפְשְׁלֶעפְּן, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען אַ הַאק אוּן צֶעהַאקְן דֶעם שְׁטֵיין אוֹיף קְלֵיינֶע שְׁטֵיינְדְלֶעךְ אוּן אַזוֹי דָאס אַרוּיפְטְרָאגְן, "כְּמוֹ כֵן, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ צִוָּה עָלֵינוּ שֶׁנִּשָּׂא לְבָבֵנוּ אֶל כַּפַּיִם, אֶל אֵל בַּשָּׁמַיִם", אַזוֹי אוֹיךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז מִיר זָאלְן אוֹיסְרֵיינִיגְן אוּנְזֶער הַארְץ פַאר אִים, אָפְּלָאזְן דִי שְׁטוּתִים, אָפְּלָאזְן דִי דִמְיוֹנוֹת אוּן תַּאֲוֹת וְכוּ' אוּן אִים דִינֶען מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ, "וּלְבָבֵנוּ הוּא לֵב הָאֶבֶן", אוּן וָואס טוּט מֶען אַז אוּנְזֶער הַארְץ אִיז אַ שְׁטִיק שְׁטֵיין? "וְהוּא אֶבֶן גָּדוֹל וְכָבֵד מְאֹד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע שְׁטֵיין, "וְאִי אֶפְשָׁר לַהֲרִים אוֹתוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּשׁוּם אֹפֶן", עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ דָאס צוּ רִירְן פוּן פְּלַאץ? "רַק עַל יְדֵי שֶׁנִּקַּח פַּטִּישׁ וּנְשַׁבֵּר וּנְפוֹצֵץ אֶת לֵב הָאֶבֶן", נָאר אֵיין וֶועג אִיז דָא ווִי אַזוֹי מִיר וֶועלְן קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן אוּנְזֶער הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר וֶועלְן נֶעמֶען אַ הַאק אוּן צֶעהַאקְן דִי הַארְץ אוֹיף פִּיצְלֶעךְ, "וְאָז נוּכַל לַהֲרִים אוֹתוֹ". נָאר אַזוֹי וֶועלְן מִיר דָאס קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהַפַּטִּישׁ הוּא הַדִּבּוּר", דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן דָאס אִיז דִי הַאק וָואס צֶעהַאקְט דֶעם שְׁטֵיינֶערְנֶעם הַארְץ, עַד כָּאן הַמָּשָׁל, וְהָבֵן.

נֶעם דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן, נֶעם דֶעם הַאק אוּן צֶעהַאק דֶעם שְׁטֵיין, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ הַאקְן נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן הָאבּ סַבְלָנוּת, ווַייל עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיב מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט, דַאן לוֹיפְן דִי קְלִיפּוֹת

נָאךְ דֶעם מֶענְטְש; וָואס מֵיינְסְטוּ, דִי קְלִיפּוֹת וּמַזִּיקִים וֶועלְן דִיךְ אִין אֵיין מִינוּט אַרוֹיסְלָאזְן פוּן זֵייעֶר נֶעץ? וֶוען אַ מֶענְטְש הָאט גֶעזִינְדִיגְט, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן מִיט דֶעם הָאט מֶען בַּאשַׁאפְן שֵׁדִים וּמַזִּיקִים, זֵיי טוּעֶן נָאכְלוֹיפְן דֶעם מֶענְטְש, זֵיי ווִילְן שֶׁעדִיגְן דֶעם מֶענְטְש, זֵיי זֶענֶען בְּרוֹגֶז אוֹיפְן מֶענְטְש פַארְוָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף דִי וֶועלְט אִין אַזַא נִידְרִיגֶע פְּלַאץ, אוּן דָאס אִיז וָואס מֶען פַאלְט צוּרִיק.

מֵיין נִישְׁט אַז דִי אַלֶע מָאלְן וָואס דוּ הָאסְט מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז דוּ גֵייסְט זַיין גוּט אוּן נָאכְדֶעם בִּיסְטוּ צוּרִיק גֶעפַאלְן - אִיז נִישְׁט וֶוערְד, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח): "וְדַע, שֶׁכָּל הַתְּנוּעוֹת וְהַהַעְתָּקוֹת, שֶׁאַתָּה נִתָּק וְנֶעְתָּק בְּכָל פַּעַם אֵיזֶה מְעַט מִן גַּשְׁמִיּוּת לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, כֻּלָּם מִתְקַבְּצִים וּמִתְחַבְּרִים וּמִתְקַשְּׁרִים וּבָאִים לְעֶזְרָתְךָ בְּעֵת הַצֹּרֶךְ, דְּהַיְנוּ כְּשֶׁיֵּשׁ, חַס וְשָׁלוֹם, אֵיזֶה דֹּחַק וְעֵת צָרָה, חַס וְשָׁלוֹם", דִי אַלֶע מָאלְן וָואס מֶען פְּרוּבִּירְט זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן נֶעמֶען זִיךְ צַאם אוּן זֵיי הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְש, אוּן עֶס וֶוערְט שֵׁיינֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס זָאל אִיךְ טוּן פַאר שׁוֹבָבִי"ם?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹבָבִי"ם אַרְבֶּעט עֶפֶּעס נִישְׁט בַּיי מִיר, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען זִיךְ מֶער צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, אָבֶער עֶס אַרְבֶּעט נִישְׁט; אִיךְ ווִיל מַאכְן אַבִּיסְל מֶער הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶער עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט; אִיךְ ווִיל רֵיינֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דָאס הָאב אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט; אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַז דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג זָאלְן מִיר אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט גָארְנִישְׁט, אִיךְ ווִיל יָא עֶפֶּעס טוּן וָואס זָאל מִיךְ מַאכְן פַאר אַ צַדִּיק; וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵיי הַפָּצָה, גֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַ"ן הָאט צַאמְגֶענוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט דָאס פַאר אַלֶע; דָאס וֶועט זַיין אַ גוּטֶע קַבָּלָה פַאר שׁוֹבָבִי"ם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף חֵלֶק א, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל פַארֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית - זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - אִיז נִישְׁט מַשִּׂיג צוּ זַיין, אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דֶער וָואס בַּאשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּ דִי קְדוּשָׁה. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי" קוּם אוּן זֶע, "כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא" אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא" אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; "גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא" עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵייליגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר אִיז גּוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי" עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵייניקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי" עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי" קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ" עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרֵייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## גֶעטַאנְצְן פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ״ז כִּסְלֵיו, ג׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד יוֹאֵל מְנַחֵם גֵּרְשׁוֹן נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְחַיֶה זַיין כְּלַל יִשְׂרָאֵל מִיט דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶע חַיּוּת, זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן, עֶס בְּלָאזְט אַרַיין אִין זֵיי אַזוֹיפִיל אֱמוּנָה, אַזוֹיפִיל תִּקְוָה, אוּן עֶס גֶעבְּט זֵיי כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן מִיט דִי שְׁטוּבּ, מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳.

מַאךְ פַאר דִי קִינְדֶער אַ מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ, בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד וִוי מֶען טַאנְצְט זֵייעֶר לֶעבֶּעדִיג אוּן וִוי מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ אוֹיף דֶער אִיד וָואס טַאנְצְט אִינְדֶערְמִיט אַזוֹי לֶעבֶּעדִיג, דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער:

קוּק וִוי לֶעבֶּעדִיג רֶבִּי נָתָן טַאנְצְט, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט דִי חֲתוּנָה... קוּק עֶר טַאנְצְט מִיט אַזַא לֶעבֶּעדִיגְקֵייט, עֶר אִיז מִן הַסְתַּם דֶער פֶּעטֶער פוּן דֶעם חָתָן, אָדֶער אֶפְשָׁר דֶער עֶלְטֶער פֶּעטֶער פוּן דִי כַּלָה... קוּק עֶר דְרֵייט זִיךְ אִיבֶּער, עֶר מַאכְט אַ טָאמְבְּל-סָאוֹס, עֶר אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ; לָאמִיר פְרֶעגְן רֶבִּי נָתָן פַארְוָואס עֶר טַאנְצְט בַּיי דִי חֲתוּנָה אַזוֹי לֶעבֶּעדִיג.

״רֶבִּי נָתָן, מִיר ווילְן אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן טַאנְצְן, מִיר ווִילְן נָאר וִויסְן וָואס אִיז אַייעֶר שַׁייְכוּת מִיט דִי שִׂמְחָה, אִיר זֶענְט דָא אַ פֶּעטֶער אָדֶער אַן עֶלְטֶער פֶּעטֶער?״ זָאגְט זֵיי רֶבִּי נָתָן: ״נֵיין נֵיין, אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין פֶּעטֶער

און אויךְ נִישְׁט קֵיין עֶלְטֶער פֶּעטֶער, אִיךְ בֶּעט אַייךְ, שְׁטֶערְט מִיךְ נִישְׁט פוּן טַאנְצְן, אִיךְ וֶועל שְׁפֶּעטֶער רֶעדְן מִיט אַייךְ".

"קוּק ווִי עֶר טַאנְצְט, עֶר מַאכְט אוּנְז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אִיךְ מֵיין אִיךְ גֵיי אוֹיךְ אַרַיין אִינֶעם רִינְג" - זָאגְט אֵיינֶער, אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט: "אִיךְ גֵיי אוֹיךְ אַרַיין אִינֶעם רִינְג, אַלֶע טַאנְצְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ און מֶען זִינְגְט".

שְׁפֶּעטֶער הָאט דָאס רֶבִּי נָתָן עֶרְקְלֶערְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין דָא אַ וַוייטֶע קָאזִין, דָאךְ הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעטַאנְצְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן דִי חֲתוּנָה, אִיךְ הָאבּ גֶעטַאנְצְן אַז אִיךְ בִּין מְקוּרָב צוּם צַדִיק, אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין מִתְנַגֵד אוֹיפְן צַדִיק, און אֲפִילוּ אִיךְ בִּין וֶוער אִיךְ בִּין - הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ צַדִיק וָואס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, עֶר בְּרֶענְגְט מִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וַוייזְט מִיר דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אִיךְ קֶען נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן און אִיךְ קֶען נָאךְ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ גֶעטַאנְצְן".

אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן טַאנְצְן: "אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָעִים גּוֹרָלֵנוּ וּמַה יָפָה יְרוּשָׁתֵנוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס גֵייט פַאר אוּנְז און בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר אַייךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶועןְ אִין מִירוֹן, אוֹיךְ אִין טְבֶרְיָ' בַּיי רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, און אוֹיךְ אִין יַבְנְאֵל בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הָאבּ עֶנְק אִינְזִין גֶעהַאט עֶנְק זָאלְן שׁוֹין הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר עֶנְק.

אִיךְ דַאנְק עֶנְק פַאר אַלֶעס וָואס עֶנְק טוּעֶן פַאר דִי מוֹסְדוֹת אוּן פַאר דִי קְהִילָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עֶנְקֶערֶע עִנְיָנִים.

...

## אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶער תַּלְמִיד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרְשַׁת וַיְחִי, י״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

יֶעצְט וֶוען אִיךְ בִּין דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאגְט מִיר דַיין מַגִיד שִׁיעוּר ר׳ מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל נֵרוֹ יָאִיר אַז דוּ בִּיסְט אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶער תַּלְמִיד, סַיי מִיט הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה, סַיי מִיט הָאבְן אַ גֶעפִיל פַאר אַ צְוֵוייטְן, אוּן אוֹיךְ מִיט דַיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם; אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן דָאס צוּ הֶערְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיין אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן מִיטְן הֶעלְפְן אִין יְשִׁיבָה מִיט וָואס מֶען דַארְף; מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן אִיז אַ זַאךְ וָואס בְּלַייבְּט לָנֶצַח.

...

## שְׁמוּעֶס אוֹיס דִי גַאנְצֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרְשַׁת וַיְחִי, י״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין גֶעבֶּעט.

דָא הָאסְטוּ אַ קְלֵיינֶע שֵׁיינֶע תְּפִלָּה, אוּן וֶוען עֶס וֶוערְט דִיר שְׁוֶוער, עֶס וֶוערְט דִיר טוּנְקְל - זָאלְסְטוּ דָאס זָאגְן.

**״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיר, מַאכְסְט מִיר אַלְץ נָאר גוּט, גֶעבְּסְט מִיר אַזוֹיפִיל גוּטְס, וְוִיפִיל אִיךְ וֶועל דִיךְ דַאנְקֶען - אִיז נִישְׁט גֶענוּג.**

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, יֶעצְט גֵיי אִיךְ אַרִיבֶּער דִי גַאנְצֶע פָּרָשָׁה מִיט ...

(שְׁמוּעֶס אוּיס דִי גַאנְצֶע זַאךְ), אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְלוֹירְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, וָואס גֵייט דָא זַיין? וָועט דָאס אַרִיבֶּערְגֵיין? וֶועט זִיךְ עֶס גוּט עֶנְדִיגְן? הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵויין, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְקְלֶעמְט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, צוּ וֶועם זָאל אִיךְ מִיךְ וֶוענְדְן? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין שׁוּם עֵצָה, קֵיינֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, קֵיינֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט טְרֵייסְטְן, נָאר אֵיין עֵצָה הָאבּ אִיךְ, אֵיין כֹּחַ הָאבּ אִיךְ, מַיין מוֹיל אִיז מַיין כֹּחַ, מִיט מַיין מוֹיל וֶועל אִיךְ רֶעדְן צוּ דִיר, מִיט מַיין מוֹיל וֶוען אִיךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר, אִיךְ וֶועל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּארוּאִיג מִיךְ, זָאג מִיר אַז עֶס גֵייט שׁוֹין זַיין גוּט, אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַזוֹי לִיבּ, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיךְ טְרֵייסְטְן, מִיךְ בַּארוּאִיגְן אַז אָט אָט גֵייט דִי זוּן אוֹיפְשַׁיינֶען, אָט אָט גֵייעֶן אַלֶע שְׁוַוארְצֶע וָואלְקֶענֶעס אַוֶועק גֵיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אָנָּא הַשֵּׁם הוֹשִׁיעָה נָא, אָנָּא הַשֵּׁם הַצְלִיחָה נָא, אָנָּא הַשֵּׁם עֲנֵנוּ בְּיוֹם קָרְאֵנוּ, נֶעם אָן מַיינֶע תְּפִילוֹת, זֶע מַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, אִין דִי זְכוּת פוּן דִי צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר אוּן פַאר נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא וְתַלְמִידָיו הַקְדוֹשִׁים, אָמֵן סֶלָה".

...

## אוֹיפְגֶעהֶערְט אוֹיסְצוּהֶערְן פַּאדְקֶעסְטְס אוּן דָאס גְלַייכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק

הָאסְט מִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט אַז דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעהֶערְט אוֹיסְהֶערְן "פַּאדְקֶעסְטְס" וְכוּ', דוּ הָאסְט אַלֵיינְס גֶעזֶען דִי שֶׁעדְלִיכְקֵייט ווִי מֶען וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט, מֶען פַארְלִירְט דִי תְּמִימוּת; עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פא): "בְּנֵי אָדָם הֵם מוֹנְעִים גְּדוֹלִים מְאֹד", מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע שְׁטֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס הָאט טַאקֶע זַיינֶע אֵייגֶענֶע בִּלְבּוּלִים, מְנִיעוֹת אוּן מַחֲשָׁבוֹת וָואס קֶען אִים זַיין אַ שְׁטֶער, אָבֶּער פָארְט צִיט דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק

צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין אַן עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן הָאט מֶען נָאכְדֶעם חֲרָטָה אוּן מֶען צִיט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֱמֶת, אָבֶּער אַז מֶען הָאט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, אוּן אַז מֶען הֶערְט פַּאדְקֶעסְטְס פוּן לֵצִים, פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ פַאר חֲכָמִים - "זֹאת הַמְּנִיעָה וְהַבִּלְבּוּל הוּא גָּרוּעַ מֵהַכֹּל", דָאס אִיז עֶרְגֶער פוּן אַלֶעס, "כִּי כָּל דְּרָכָיו נַעֲשִׂין לוֹ מִישׁוֹר", עֶס וֶוערְט אִים אַלֶעס וִוי אַ גְלַייכֶע גוּטֶע וֶועג חַס וְשָׁלוֹם; קוּק נָאךְ דִי גַאנְצֶע שִׂיחָה דָארְט.

הַכְּלָל, דִי לֶעצְטֶע נִסָּיוֹן פוּן הֶערְן פַּאדְקֶעסְט, טָאלְק-שָׁאוֹ, אוּן אִינְטֶערְוְויוּס פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס אִין שׁוּל וָואלְט מֶען זֵיי נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט, אוּן וֶוען מֶען טְרֶעפְט זֵיי וָואלְט מֶען זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ שְׁטֵיין נֶעבְן זֵיי, אוּן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן זִיצְט מֶען טֶעג אוּן נֶעכְט זֵיי אוֹיסְצוּהֶערְן; דָאס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אֱמוּנָה, פוּן קְדוּשָּׁה, פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, וּבְעִקָּר פוּנֶעם צַדִּיק אֱמֶת, פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס.

זֵייעֶר גוּט אַז דוּ הָאסְט דָאס אָפְּגֶעלָאזְט, אוּן הַלְוַואי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ אַלֶע חֲבֵרִים, זֵיי אִיבֶּערְצֵייגְן אַז דָאס אִיז עֶרְגֶער פוּן אַלֶעם.

כַאפּ זִיךְ צוּרִיק אִין גוֹרֵס זַיין מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, אוּן זַיי שְׁטַארְק אִין דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב.

...

## מִיט צְדָקָה קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע תִּיקוּן צוּ גֶעבְן צְדָקָה, בִּפְרַט פַארְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רסד), צְדָקָה אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית, מֶען לֵייגְט צוּרִיק דִי שֶׁפַע צוּ דִי קְדוּשָּׁה, דָאס פַארְרֶעכְט דָאס וָואס מֶען הָאט מַשְׁפִּיעַ גֶעוֶוען לְמָקוֹם אַחֵר חַס וְשָׁלוֹם; בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי שׁוֹבְבִי"ם טֶעג, וֶוער עֶס הֶעלְפְט גֶעבְן צְדָקָה פַאר דִי מוֹסָד אוּן פַאר הַדְפָּסַת סִפְרֵי רַבֵּינוּ - וֶוערְט אַ זִווּג דִקְדֻשָּׁה, עֶס וֶוערְט אַלֶעס פַארְרָאכְטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל עֶס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע אוּן טַייעֶרְסְטֶע זַאךְ; נִישְׁטָא עֶפֶּעס גְרֶעסֶערְס וִוי זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז גְרִינְגֶער פַארְן מֶענְטְשׁ צוּ טוּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, פַּאסְטְן וְכַדוֹמֶה, וִוי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַז מֶען אִיז אַ אִיד, אוּן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט, אוּן אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן.

...

## נִישְׁט נֶעמֶען קֵיין הִיטְשׁ מִיט אַ פְרֶעמְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ פְרֶעגְסְט יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אוֹיךְ אוֹיף צוּרִיק פְרֶעגְסְטוּ אוֹיב דוּ הָאסְט גוּט גֶעטוּן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; הָאסְט נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, מֶען טָאר נִישְׁט כַאפְּן אַ הִיטְשׁ מִיט אַ פְרֶעמְדֶע פְרוֹי, קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרֵיינְגֵיין אִין אַ קַאר פוּן אַ פְרוֹי.

אוֹיךְ מִיט אַ פְרֶעמְדֶער מַאן אִיז נִישְׁט גוּט צוּ גֵיין אִין אַ קַאר, וַוייל לֵיידֶער זֶענֶען דָא מְנֻוָּלִים, קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס לָאקֶערְן אוֹיף אִינְגְלֶעךְ אוּן בָּחוּרִים, זֵיי צוּ מְטַמֵּא זַיין רַחֲמָנָא לִצְלָן; זָאלְסְטוּ נִישְׁט נֶעמֶען קֵיין הִיטְשׁ מִיט אַ פְרֶעמְדֶער וֶועם דוּ קֶענְסְט נִישְׁט.

שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט צוּ פְרֶעגְן אַלֶע דַיינֶע פְרַאגֶעס, אִיךְ וֶועל דִיר אַלֶעס עֶנְטְפֶערְן אוּן וַוייזְן דִי שֵׁיינֶע וֶועג וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

...

## אַסַאךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָ׳ צוּ לֶערְנֶען מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים, דוּ רֶעדְסְט צוּ זֵיי פוּן מִידוֹת טוֹבוֹת אוּן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען דֶעם דִיבּוּר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהַרְנַ״ת: ״וֶוען דוּ בִּיסְט מְחַדֵּשׁ חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה אוּן דוּ קוּמְסְט אָן צוּ דִי צְוֵויי זַאכְן, ׳אֱמוּנָה׳ אָדֶער ׳צַדִּיק׳ - זָאלְסְטוּ אוֹיסְבְּרֵייטֶערְן דַיין פֶּענֶע״; זָאלְסְט מֶער אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דִי צְוֵויי זַאכְן, וַוייל אוֹיף דִי צְוֵויי זַאכְן ״אֱמוּנָה״ אוּן ״אֱמוּנַת חֲכָמִים״ דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ חִיזוּק.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, אַז דוּ רֶעדְסְט מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים, דוּ בִּיסְט זֵיי מְחַזֵּק, דוּ לֶערְנְסְט זֵיי אוֹיס דִי וֶועג פוּן לֶעבְּן - זָאלְסְטוּ אַסַאךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה; מֶען זָאל וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ שָׁאד זִיךְ צוּ אוֹיפְרֶעגְן אוּן נֶערְוֶועז וֶוערְן וֶוען אַלֶעס הָאט אַ פְּלַאן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֵיין שׁוּם זַאךְ וֶוערְט נִישְׁט גֶעטוּן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, אָדֶער פוּן מֶענְטְשְׁן, אַלֶעס אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין דִי יוּגְנְט אוֹיף אֱמוּנַת חֲכָמִים, פָאלְגְן וָואס אַ צַדִּיק זָאגְט; דָא רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן אַ רֶבִּי מִיט אַ קָאלִירְטֶע בֶּעקִיטְשֶׁע וְכוּ׳, דָא רֶעדְט מֶען פוּן אַ צַדִּיק וָואס פִירְט מִיךְ צוּ לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה, צוּ לֶערְנֶען, אוּן צוּ אֱמוּנָה, אוּן צוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

...

## מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט, אָבֶּער אִיךְ דַארְף דֶעם צַדִּיק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה אַז דוּ בִּיסְט אָפְּן מִיט מִיר, דוּ זָאגְסְט דַיינֶע גֶעפִילְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מֶען דַארְף אַסַאךְ חִיזוּק נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם צַדִּיק,

און נִישְׁט צוּ הָאבְּן קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיף צַדִּיקִים, וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וְכַת דִּילֵיהּ טוּעֶן אַלֶעס וָואס זֵיי קֶענֶען אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען חֲלִישׁוּת הַדַּעַת און זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן רֶבִּי'ן; וַוייל אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טוּן וָואס עֶר זָאל טוּן, אֲפִילוּ עֶר זָאל פַאלְן אִין דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלַאץ קֶען עֶר בְּכֹחַ הַצַּדִּיק זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן און וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דֶערִיבֶּער טוּעֶן דִי קְלִיפּוֹת מִיט זֵייעֶר פִירֶער - אַלֶעס - צוּ מַחְלִישׁ דַּעַת זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם צַדִּיק, אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אִים פַארְכַאפְּן אִין דִי טוּמְאָה; און מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת און מִיט זִיךְ מַאכְן שְׁטֶענְדִיג אַ חֶשְׁבּוֹן: 'וָואס בִּין אִיךְ? וֶוער בִּין אִיךְ? וִוי אַזוֹי זֶע אִיךְ אוֹיס אָן דֶעם רֶבִּי'ן?' זִיךְ פְרֶעגְן: 'פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן? אִיךְ בִּין דָאךְ גֶעקוּמֶען בְּמַקְלִי וְתַרְמוּלִי, אִיךְ בִּין דָאךְ גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן'; און נָאר אַזוֹי, מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין אַלְץ אַ פְרִישֶׁער מְקוּרָב.

אִיךְ ווִיל דִיר דֶערְצֵיילְן עֶפֶּעס פְּרִיוַואט וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעשְׁלָאגְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת מַיינֶע וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט חֲבֵרִים אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס הָאבְּן מִיךְ זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן און גֶערֶעדְט צוּ מִיר שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאכְן, אַז מוֹהֲרָא"שׁ דַארְף מִיךְ נִישְׁט, און אַז מוֹהֲרָא"שׁ ווִיל מִיךְ נִישְׁט וְכַדוֹמֶה וְכַדוֹמֶה, און וֶוען דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת הָאבְּן מִיךְ גֶעשְׁלָאגְן און גֶעפַּיינִיגְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַלְץ גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט און מֶען ווִיל מִיךְ נִישְׁט, אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט אָן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנֶעם צַדִּיק, קֶען זַיין דֶער צַדִּיק דַארְף מִיךְ נִישְׁט וְכוּ' (וָואס אִיז נִישְׁט אֱמֶת), אָבֶּער אִיךְ קֶען מִיךְ נִישְׁט אַלֵיינְס הֶעלְפְן, אִיךְ דַארְף אִים יָא"; און דָאס הָאט מִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶערַאטֶעוֶועט, עַד הַיּוֹם הַזֶּה.

דִי וֶועג פוּן טְרַאכְטְן הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט מְחַזֵק זַיין בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז אֲפִילוּ עֶס וֶועט גֶעלוּנְגֶען פַארְן סַמֶ"ךְ מֶ"ם דִיךְ אֵיינְצוּרֶעדְן אַז מֶען דַארְף דִיךְ נִישְׁט אִין הִימְל, און אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט (וָואס אִיז נִישְׁט אֱמֶת) - דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק, און זָאגְן: "אִיךְ דַארְף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, נָאר פַאר דִי שֵׂכֶל הָאט שׁוֹין גֶעלוֹינְט מְקוּרָב צוּ וֶוערְן.

הַכְּלָל, שְׁטַארְק זִיךְ, און וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פון קֵיינֶעם, און אוֹיךְ נִישְׁט פון מִיר.

...

## אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, יוֹם תְּהִלִים, מִיט חוּמָשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת, יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי פַארְן דַאוְונֶען אָדֶער נָאכְן דַאוְונֶען זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אִין שׁוּל אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת מִיטְן ״יוֹם תְּהִלִים״, עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, דִי בֵּיידֶע לִימוּדִים, מִיט חוּמָשׁ - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פון דִי וָואךְ - נֶעמְט ווִינְצִיגֶער ווִי אַ שָׁעָה; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג, אוֹיךְ פְרַייטָאג און אוֹיךְ שַׁבָּת; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה, דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁפִּירְן צוּפְרִידְן, וֶועסְט אָפְּלָאזְן אַלֶע שְׁטוּתִים וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער פַאר אַפָּאר מִינוּט, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, דוּ זָאלְסְט קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן בַּיים לֶעבְּן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת, זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

...

## שׁוֹבָבִי״ם פַאר מֵיידְלֶעךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ה טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע, וָואס הָאט שׁוֹבָבִי״ם מִיט מֵיידְלֶעךְ? דִי הֵיילִיגֶע

צַדִּיקִים הָאבְּן גְעזֶען און גֶעוואוּסְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין דִי הוֹיכֶע הִימְלֶען, וֶוען עֶס זֶענֶען דִי צַייטְן וָואס מֶען קֶען זִיךְ גְרִינְגֶער דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, זֵיי הָאבְּן אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט אַ גְרוֹיסֶע סוֹד, אַז דִי זֶעקְס וָואכְן פוּן פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, וָאֵרָא, בֹּא, בְּשַׁלַּח, יִתְרוֹ און מִשְׁפָּטִים (און אִין אַן אִיבֶּער-יָאר אִיז עֶס נָאךְ צְוֵויי וָואכְן, תְּרוּמָה און תְּצַוֶּה) - אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אַלֶעס פַּארְרֶעכְטְן.

דֶערְפַאר אִיז אִין דִי צַייט אַ פַּאסִיגֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין - צוּ זָאגְן תְּהִלִּים, זָאגְן תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'", וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; וַוייל בֶּאֱמֶת ווִיל יֶעדֶער אִיד זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד און טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווִילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, און אֲפִילוּ דֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, ווֵייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה, און אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און ווֵייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר דִי חִיזוּק און עִידוּד אָנְצוּגֵיין און נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ'; זָאגְט דֶער רֶבִּי, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה און עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְכְדֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", און עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים און בַּיים זָאגְן דִי פְּסוּקִים זָאלְט אִיר אַרַיינְפְלֶעכְטְן אֵייגֶענֶע לוֹיבּ וֶוערְטֶער און בַּקָּשׁוֹת אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, דָאס וֶועט אַייךְ בְּרֶענְגֶען צוּ וֶוערְן אַ צַדֶּקֶת.

זֶעט צוּ פָּאלְגְן דִי בֵּית פֵיגָא טִיטְשֶׁערְס אוּן אוֹיסְהֶערְן אַלֶעס וָואס זֵיי לֶערְנֶען מִיט עֶנְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס דוּרְךְ נִיבּוּל פֶּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ה טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז בָּחוּרִים רֶעדְן צוּ דִיר נִיבּוּל פֶּה זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵיי, נִישְׁט קֵיין חִילוּק אוֹיבּ זֵיי רֶעדְן אָפֶּענֶע נִיבּוּל פֶּה אָדֶער כְּמוֹ נִיבּוּל פֶּה; גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פַאר דַיין לֶעבְּן.

גֵיי צוּ דַיין מַגִיד שִׁיעוּר אוּן זָאג אִים אַז עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער, עֶס זֶענֶען דָא בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, וַוארְט נִישְׁט עֶס זָאל זַיין צוּ שְׁפֶּעט, גֵיי שׁוֹין בֶּעטְן הִילְף, אוּן אַז מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין מֶער אִין יְשִׁיבָה, וַוייל נִיבּוּל פֶּה אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לג.) אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָאס (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה חֵלֶק א, סִימָן ג): "בַּעֲוֹן נִבּוּל פֶּה", דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, "צָרוֹת וּגְזֵרוֹת מִתְחַדְּשׁוֹת", קוּמֶען בִּיטֶערֶע צָרוֹת אוּן נַייעֶ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט; "וּבַחוּרֵי יִשְׂרָאֵל מֵתִים חַס וְשָׁלוֹם", יוּנְגֶע קִינְדֶער שְׁטַארְבְּן חַס וְשָׁלוֹם, "וִיתוֹמִים וְאַלְמָנוֹת צוֹעֲקִים וְאֵינָם נַעֲנִין", אַלֶע שְׁרֵייעֶן אוּן קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט זֵייעֶר גֶעשְׁרֵיי.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער ..., אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר אַנְטְלוֹיף פוּן חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס דוּרְךְ נִיבּוּל פֶּה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ד): "הַמְנַבֵּל פִּיו, אֲפִילוּ חוֹתְמִין עָלָיו גְּזַר דִּין שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנָה לְטוֹבָה, הוֹפְכִין עָלָיו לְרָעָה", וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, אֲפִילוּ מֶען הָאט אִים פַארְזִיגְלְט אַ גוּטֶע גְזֵירָה פַאר זִיבֶּעצִיג יָאר, צֶערַייסְט מֶען דִי גוּטֶע גְזֵירָה אוּן עֶר בְּרֶענְגְט

אוֹיף זִיךְ שְׁלֶעכְטְס, "גַּם מַעֲמִיקִין לוֹ גֵיהִנּוֹם", אוֹיךְ אַז מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה מַאכְט מֶען זִיךְ טִיפֶער דֶעם גֵיהִנּוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוּק אִין דַיין הַאנְט, וָואס בַּאקוּם אִיךְ פוּן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ה טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע פֶּלֶא אַז דוּ הֶערְסְט אוֹיס הַאטְלֵיינְס וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אַהֶער כְּלוֹמְרְ'ישׁ צוּ זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַארְן רֶבִּינְ'ס כָּבוֹד, אוּן נָאכְדֶעם בַּאקוּמְסְטוּ חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וֶוען דוּ הֶערְסְט וִוי מֶען אִיז מְבַטֵּל הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וְכוּ'.

עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער אוֹיף תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אַז מֶען זוּכְט נָאךְ תֵּירוּצִים צוּ פַארְעֶנְטְפֶערְן וְכוּ' וְכוּ'; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי מֶען זָאל צוּ גֵיין צוּ דִי סָארְט טַעֲנוֹת, וֶוען מֶען הַאלְט פָּאר: 'הֲיִתָּכֵן דוּ לֶערְנְסְט סִפְרֵי בְּרֶסְלֶב, אַמֶער דֶער הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אוּן יֶענֶער הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן וְכוּ'?' מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אַזַא גַּדְלוּת הַמּוֹחִין מִיר זָאלְן עֶנְטְפֶערְן (נִישְׁט יֶענֶעם, נָאר זִיךְ אַלֵיינְס זָאגְן): "אֲפִילוּ מֶען וֶועט אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען שְׁטִיקֶער פֵייעֶר פוּן הִימְל, מַלְאָכִים וֶועלְן שְׁרֵייעֶן אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים - וֶועל אִיךְ זֵיי נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, וַוייל אַז אִיךְ הָאבּ גֶעפוּנֶען סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס בְּרֶענְגְט מִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - קֶען קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט מִיךְ נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן"; אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אַלֵיינְס, וֶוען עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע פַּאקְל, אוּן זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוָוארְן דֶערְשְׁרָאקְן (דֶעמָאלְט אִיז בְּרֶסְלֶב נִישְׁט גֶעוֶוען בַּאקַאנְט אִין דִי וֶועלְט, מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז מֶען דַארְף זִיצְן שִׁבְעָה אוֹיבּ דֶער קִינְד לֶערְנְט

בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ סְפָרִים), עֶר אִיז אַרוּמְגֶעלָאפְן מִיט מוֹהֲרָא"ש צוּ צַדִיקִים, זֵיי זָאלְן אִים זָאגְן עֶר זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דִי סְפָרִים, אוּן מוֹהֲרָא"ש מִיט זַיין עַזּוּת דִקְדֻשָּׁה הָאט גֶעזָאגְט: "ווִי קֶען מֶען מִיר זָאגְן אָפְּצוּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס בְּרֶענְגֶען מִיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? ווִי קֶען אִיךְ אוֹיסְהֶערְן וֶוען מֶען רֶעדְט מִיךְ אָפּ פוּן לֶערְנֶען סִפְרֵי בְּרֶסְלֶב וֶוען דַּוְקָא דִי סְפָרִים מַאכְן מִיךְ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אֲפִילוּ מֶען וֶועט מִיר בְּרֶענְגֶען שְׁטִיקֶער פֵייעֶר פוּן הִימְל, מַלְאָכִים וּשְׂרָפִים חַיּוֹת וְאוֹפַנִּים וָואס וֶועלְן מִיךְ אָפְּרֶעדְן - טָאר אִיךְ זֵיי נִישְׁט צוּהֶערְן, וַוייל אַז אִיךְ הָאבּ גֶעפוּנֶען אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט מִיר אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָטֶעמֶען אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ רֶבִּי וָואס מַאכְט מִיךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, אַ רֶבִּי וָואס מַאכְט מִיךְ טוּן מִצְוֹות מִיט שִׂמְחָה - וֶועל אִיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן".

מִיר אִיז אַ ווְאוּנְדֶער דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ רוּפְסְט הַאטְלֵיינְס וְכוּ׳; וָואס אִיז דָא צוּ הֶערְן? וָואס אִיז דָא נָאכְן טוֹעֶם זַיין פוּן דִי יַיִן הַמְּשֻׁמָּר? דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רס): "וֶוער עֶס הָאט מִיךְ טוֹעֵם גֶעוֶוען אִים קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט פַארְנַארְן", אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן; דִי וֶועלְט נַארְט, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן"; אִיז וָואס אִיז דָאס אַז תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאבְּן בִּכְלָל אַ רֵייץ צוּ רוּפְן הַאטְלֵיינְס וְכוּ׳ אוּן צוּ קוּקְן דְרָשׁוֹת ווִי דֶער פַארְעֶנְטְפֶערְט אוּן יֶענֶער פַארְעֶנְטְפֶערְט; דָאס אַרַיינְגֵיין בְּטוֹעֵן וְנִטְעַן מִיט דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת אִיז נִישְׁט גוּט, דָאס צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעבְּרֶעכְט דֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיז מֶען וֶוערְט צֶעמִישְׁט אוּן צֶע׳חוּשְׁ׳ט.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט דִיר, גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר אִינְדְרוֹיסְן פוּן גֶעגֶנְט אִין אַ לֵיידִיגֶע גַאס, אוּן זָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווֵייס דָאךְ יָא דֶעם אֱמֶת וֶוער אִיךְ בִּין אוּן וָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ גֶעפוּנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אִיז וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס מֶען רֶעדְט, וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס מֶען זָאגְט? וָואס וֶוער אִיךְ שְׁוַואךְ וֶוען מֶען זָאגְט מִיר אַז דֶער הָאט יָא גֶעהַאלְטְן אוּן דֶער הָאט נָאר גֶעהַאלְטְן

לְמֶחֱצָה וְלִשְׁלִישׁ, לָאמִיךְ קוּקְן אִין מַיין הַאנְט - וָואס הָאבּ אִיךְ מַרְוִיחַ גֶעוֶוען? וָואס הָאבּ אִיךְ פַארְדִינְט? וָואס בַּאקוּם אִיךְ פוּן דֶעם רֶבִּי'ן?"

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נָאר רֶעדְן שֵׁיין, גָארְנִישְׁט מֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער עִיקָר פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז דָאס רֶעדְן שֵׁיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, דָאס אִיז שָׁלוֹם בַּיִת, נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵוייניגֶער; עֶס אִיז נִישְׁט פָאלְגְן, נָאכְלוֹיפְן, מוֹרָא הָאבְּן וְכַדוֹמֶה, עֶס אִיז נָאר דָאס רֶעדְן שֵׁיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אַז מֶען גֶעדֶענְקְט אוּן מֶען וֵוייסְט ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן - הָאט מֶען אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

זֶע צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן, אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא מִנְיָן זָאלְסְטוּ וַוייטֶער גֵיין אִין שׁוּל, נִישְׁט אִין אָפִיס, אִין שְׁטוּבּ וְכוּ'.

...

## דִי וַוייבּ וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם גוּטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אִין אָנְהֵייבּ שְׁוֶוער מִיט זַיין וַוייבּ, זִי אִיז אִים גֶעוֶוען אַ מִתְנַגֶּדֶת, אוּן בַּיי זַיין חָבֵר ר' לִיפָּא אִיז גֶעוֶוען פַארְקֶערְט, אִין אָנְהֵייבּ אִיז זִי גֶעוֶוען מִיט אִים בְּשָׁלוֹם, אוּן בַּיים סוֹף הָאט זִיךְ עֶס בַּיי בֵּיידֶע אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, בַּיי מוֹהַרְנַ"ת אִיז זִי גֶעוָוארְן בְּשָׁלוֹם, אוּן בַּיי ר' לִיפָּא אִיז זִי גֶעוָוארְן אַ מִתְנַגֶּדֶת; הָאט ר' לִיפָּא גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "יֶעצְט אִיז

מִיר פַארְעֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא (יְבָמוֹת סג.): "זָכָה, נַעֲשֵׂית לוֹ עֵזֶר", אִיז דֶער מֶענְטְשׁ זוֹכֶה וֶוערְט אִים דִי וַוייבּ פַאר אַ הִילְף, זִי הֶעלְפְט אִים, "לֹא זָכָה", אִיז דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט זוֹכֶה, "נַעֲשֵׂית כְּנֶגְדּוֹ", וֶוערְט זִי אִים אַ מִתְנַגֶּדֶת, לִכְאוֹרָה, וָואס אִיז דִי וָוארְט 'נַעֲשֵׂית' - זִי וֶוערְט? עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין 'זָכָה עוֹזַרְתּוֹ', אִיז עֶר זוֹכֶה אִיז זִי אִים אַ הִילְף, 'לֹא זָכָה, כְּנֶגְדּוֹ', אָבֶּער יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז בַּיי אַייךְ מוֹהַרְנַ"ת אִיז זִי גֶעוָוארְן אַן עֵזֶר, דָאס אִיז נַעֲשֵׂית, אוּן בַּיי מִיר אִיז נַעֲשֵׂית, גֶעוָוארְן - כְּנֶגְדּוֹ; וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הִיט דִי אוֹיגְן אוּן הִיט זִיךְ פוּן כַּעַס אוּן הָאט סַבְלָנוּת - 'נַעֲשֵׂית לוֹ עֵזֶר', דְרֵייט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּער אוּן עֶס וֶוערְט אַן עֵזֶר; דַארְפְן מִיר זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אוּן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנִים (תִּיקּוּן יד, דַּף ל:): "עֵזֶר בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא".

...

### זִיךְ אַיינְשְׁרַייבְּן אִינֶעם פְּרָאגְרַאם פוּן "דִּרְשׁוּ"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ בַּאזוּכְן נֶעכְטְן אִין כּוֹלֵל אִין שְׁטֶעטְל, זֶען ווִי פְלַייסִיג עֶנְק לֶערְנֶען הֲלָכָה; פוּן דִי גְמָרָא, רִאשׁוֹנִים וְאַחֲרוֹנִים - בִּיז הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה.

אִיךְ ווִיל נָאכְאַמָאל דֶערְמַאנֶען אַלֶע חֲבֵרִים וָואס לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל מֶען זָאל אוֹיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִיט דִי חַבְרוּתָא דִי בְּלַאט גְמָרָא פוּנֶעם טָאג, אוּן אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט רֶעדְן צוּם רֹאשׁ הַכּוֹלֵל מֶען זָאל לֶערְנֶען אוּן נֶעמֶען דִי בְּחִינוֹת פוּן "דִּרְשׁוּ"; דָאס קֶען זַיין אַ הִילְף פַאר דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט צוּ בַּאקוּמֶען נָאךְ אַפָּאר דָאלֶער, אוּן בְּעִיקָר, אַז אַזוֹי וֶועט מֶען לֶערְנֶען פְלַייסִיג דֶעם דַף גְמָרָא; יֶעצְט מַסֶכֶת מְנָחוֹת, אוּן נָאכְדֶעם מַסֶכֶת חוּלִין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; עֶס קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶע תּוֹעֶלֶת.

רֶעד מִיטְן דַיָּין שְׁלִיטָ"א און וַוארֶעם אָן אַלֶע אִינְגֶעלַייט, אַלֶע זָאלְן זִיךְ אַיינְשְׁרַייבְּן אִינֶעם פְּרָאגְרַאם פוּן "דָּרְשׁוּ".

...

## גֵיין מִיט חֲסִידִי'שֶׁע שִׁיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין בָּחוּר אִיז טַייעֶר און חָשׁוּב, עֶר לֶערְנְט און דַאוֶונְט, עֶר אִיז אַ גֶעשְׁמַאק אִין יְשִׁיבָה.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אִים קוֹיפְן חֲסִידִי'שֶׁע שִׁיךְ, אַזוֹי וִוי מֶען גֵייט בַּיי חֲסִידִי'שֶׁע אִידְן. דִי סְנִיקֶערְס אִיז גוּט אַלְס קִינְד, יֶעצְט נָאךְ דִי בַּר מִצְוָה זָאל עֶר גֵיין אַזוֹי וִוי אַלֶע חֲסִידִי'שֶׁע בָּחוּרִים גֵייעֶן.

אִיךְ בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט יֶעדְן טָאג זָאגְן תְּהִלִּים, זָאג דֶעם "יוֹם תְּהִלִּים" און פְלֶעכְט אַרַיין דַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעבֶּעט און דַיינֶע אֵייגֶענֶע לוֹיב וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת.

...

## גֶעבְּן שִׁיעוּרִים פַאר אִינְגֶעלַייט בִּימֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א**

אִיךְ וִויל בֶּעטְן דֶעם דַיָּין זָאל גֶעבְּן שִׁיעוּרִים פַאר דִי אִינְגֶעלַייט, אִיבֶּער פְרִישְׁן דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, יֶעצְט בִּימֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם וֶוען אַלֶע קְהִלּוֹת נֶעמֶען צַאם דִי אִינְגֶעלַייט און גֶעבְּן זֵיי שִׁיעוּרִים צוּ קֶענֶען דִי הֲלָכוֹת, דָאס אִיז תִּיקּוּן הַשּׁוֹבָבִי"ם.

עֶס אִיז כְּדַאי צוּ מַאכְן דִי שִׁיעוּרִים סַיי אִין שְׁטֶעטְל און סַיי אִין שְׁטָאט.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין כּוֹלֵל, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דוּ וֶועסְט דָארְט זַיין, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ קוּרְצֶע שְׁמוּעֶס פַאר דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט. הַכָּרַת פְּנֵיהֶם עָנְתָה בָּם, מֶען זֶעט אוֹיף זֵיי אַ שִׂמְחָה און אַ לִיכְטִיגְקֵייט, מֶען זֶעט וִוי זֵיי הָארֶעוֶוען אִין לֶערְנֶען, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

...

## זוּכְן דָאס גוּטְס אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

טַייעֶרֶע ... תְּחִיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִין מַיינֶע אוֹיגְן אִיז אַייעֶר מַאן אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, אַ וַוארֶעמֶער, אַ הַארְצִיגֶער, אִיךְ הַאלְט פוּן אִים און אִיךְ הָאבּ אִים לִיבּ; דָאס וָואס עֶר פִּירְט זִיךְ אוֹיף אִין שְׁטוּב וְכוּ׳ וְכוּ׳ - דָאס קוּמְט נִישְׁט פוּן שְׁלֶעכְטְקֵייט, דָאס קוּמְט פוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, וַוייל עֶס צִיט אִים שְׁטֶענְדִיג צוּ זַיין אִינְגַאנְצְן גוּט, און אַז עֶר זֶעט זִיךְ מַאכְן אַ פֶעלֶער וֶוערְט עֶר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן און עֶר גֶעבְּט אוֹיף און עֶר הֵייבְּט אָן רֶעדְן און זִיךְ אוֹיפְפִירְן פַארְקֶערְט פוּן וָואס עֶר אִיז, פוּן גְרוֹיס יֵאוּשׁ.

אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ דִי זַאךְ פוּן מְחַזֵק זַיין און מְחַזֵק זַיין נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל אָן אוֹיפְגֶעבְן, און נָאךְ אַ זַאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ, עֶר הָאט אַלְץ גֶעלָאזְט דִי בְּחִירָה אָפְן; עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעצְוִוינְגֶען, עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁטוּפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ קָארְנֶער אַז עֶר מוּז טוּן אַזוֹי און אַזוֹי, און אַזוֹי פְּרוּבִּיר אִיךְ אוֹיךְ צוּ טוּן, מְחַזֵק זַיין פָּארְפֶעלְקֶער צוּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, זוּכְן דָאס גוּטְס אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן, און גֶעדֶענְקֶען אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט, דִי שִׁידוּךְ אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער רִיכְטִיג, נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, נָאר וֶוערְן מֶער שְׁטַארְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ נְשָׁמָה אִיז הוּנְגֶערִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

בְּנוֹגֵעַ דִי חָלוֹם וְכוּ', ווִי דֶער בָּחוּר וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין מַאמֶע אִין חָלוֹם אוּן גֶעוֵויינְט: "מַאמֶע אִיךְ בִּין הוּנְגֶערִיג", אוּן דִי מַאמֶע קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן דִי חָלוֹם, ווִי אִיר בָּחוּר וֵויינְט אוּן בֶּעט זִיךְ פוּן הוּנְגֶער, אִיר פְרֶעגְט וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם, אוּן אוֹיבּ דָאס אִיז אֱמֶת.

אַוַדַאי אִיז דָאס אֱמֶת, אַז מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אָן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָן דַאוֶוענֶען, אָן מִצְווֹת - שְׁרֵייט מֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אַז מֶען אִיז הוּנְגֶערִיג אוּן דוּרְשְׁטִיג, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג), "בָּעוֹלָם הַבָּא מְנַחִין כַּמָּה בְּנֵי אָדָם בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים בְּקוֹל מַר", אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרֵייעֶן מִיט אַ בִּיטֶערֶע קוֹל: "תְּנוּ לָנוּ מַה לֶאֱכֹל", גֶעבְּט אוּנְז עֶסְן, מִיר זֶענֶען הוּנְגֶערִיג, גֶעבְּט אוּנְז טְרִינְקֶען מִיר זֶענֶען דוּרְשְׁטִיג, אוּן מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי עֶסְן, מֶען זָאגְט זֵיי: 'דָא הָאט אִיר פֵיינֶע עֶסְן', מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי טְרִינְקֶען אוּן מֶען זָאגְט זֵיי: 'דָא הָאט אִיר פֵיינֶע טְרִינְקֶען', אוּן דִי נְשָׁמוֹת שְׁרֵייעֶן: "נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דָאס מֵיינֶען מִיר, נִישְׁט דִי עֶסְן דַארְפְן מִיר, מִיר דַארְפְן עֶסְן פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען"; נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען: 'בְּרֶענְגְט אוּנְז קְלֵיידֶער מִיר דַארְפְן זִיךְ צוּדֶעקְן', אוּן מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי קְלֵיידֶער, מֶען זָאגְט זֵיי: 'דָא הָאט אִיר קְלֵיידֶער', אוּן זֵיי זָאגְן: "נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דִי סָארְט קְלֵיידֶער דַארְפְן מִיר, מִיר דַארְפְן קְלֵיידֶער פוּן מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אַשְׁרֵי מִי שֶׁזּוֹכֶה לֶאֱכֹל כַּמָּה פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וְלִשְׁתּוֹת אַחַר כָּךְ אֵיזֶה קַפִּיטְלִיךְ תְּהִלִּים, וּלְהִתְלַבֵּשׁ בְּאֵיזֶה מִצְווֹת", ווָאוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג

פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת און טְרִינְקְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים און טוט זיךְ אָן מִיט מִצְווֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס אִיז שׁוֹבָבִי"ם, וִוי הֵייבְּט מֶען אָן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר זֶענֶען שׁוֹין אַרַיין אִין דִי דְרִיטֶע וָואךְ פוּן שׁוֹבָבִי"ם; מֶענְטְשְׁן פְּרֶעגְן: "וָואס טוּט מֶען? וִוי הֵייבְּט מֶען אָן?"

הֵייבּ אָן מִיט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי אַ קְוָואל וָואס רֵיינִיגְט טָמֵא'נֶע מֶענְטְשְׁן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת טז.): "אָמַר רַבִּי חָמָא בְּרַבִּי חֲנִינָא, לָמָּה נִסְמְכוּ אֹהָלִים לַנְּחָלִים וְכוּ', לוֹמַר לָךְ, מַה נְּחָלִים מַעֲלִין אֶת הָאָדָם מִטֻּמְאָה לְטָהֳרָה, אַף אֹהָלִים מַעֲלִין אֶת הָאָדָם מִכַּף חוֹבָה לְכַף זְכוּת", פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי וֶוען אַ טָמֵא'נֶער מֶענְטְשׁ טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין טַייךְ וֶוערְט עֶר רֵיין, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען און לֶערְנֶען - נֶעמְט מֶען אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶס, און מַתַּן שְׂכָרָהּ בְּצִדָּהּ, אוֹיסֶער דִי תִּיקוּנִים וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְךְ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, הָאט מֶען פַּרְנָסָה; מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט: "דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן בְּרֶענְגְט 'דָּבָר שֶׁבְּמִנְיָן'" (פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע).

קוּם אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִילוֹת, און אַז דוּ הָאסְט חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט דֶעם און מִיט יֶענֶעם - זָאלְסְטוּ נָאכְאַלְץ קוּמֶען אִין שׁוּל, מַאךְ זִיךְ אֵיין חֶשְׁבּוֹן 'אִיךְ קוּם אִין שׁוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם, אִיךְ קֶען נִישְׁט קֵיינֶעם, אִיךְ קוּם נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', און זַיי מַקְפִּיד אוֹיף דַאוֶוענֶען אִין אַ סִידוּר וָוארְט בַּיי וָוארְט פוּן אָנְהֵייבּ בִּיז דִי עֶנְדֶע אָן קֵיין חָכְמוֹת, וֶועסְטוּ צִיעֶן צוּ דִיר דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, דִי הַשְׁגָּחָה, זַאכְן

װעלן אָנְהֵייבְּן װערן מְסוּדָר. װייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שָׁם ו:): "כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָּא יוֹם אֶחָד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְשָׁאֵיל בּוֹ", װען אַ מֶענְטְשׁ דַאװֶוענְט יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן און אֵיין טָאג פַארְפֶעלְט עֶר צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל פְרֶעגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ "פַארְוָואס אִיז עֶר נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל?" און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל װייטֶער קֶענֶען קוּמֶען, עֶר נֶעמְט אַװעק פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ דֶער פְּרָאבְּלֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אוֹיסְטַייטְשְׁן דָאס דַאװֶוענֶען און תְּהִלִּים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

דֶעם פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס בַּיים דַאװֶוענֶען, בַּיי קַבָּלַת שַׁבָּת, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט פְּשַׁט אִין דִי װערְטֶער: "הִתְנַעֲרִי מֵעָפָר", מֶען רֶעדְט דָא צוּ דִי שְׁכִינָה, צוּ נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל - שָׁאקֶל זִיךְ אָפּ פוּן דַיינֶע בְּלָאטֶעס, "קוּמִי" - הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, זַיי נִישְׁט אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, און אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַזוֹי װייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "לִבְשִׁי בִּגְדֵי תִפְאַרְתֵּךְ עַמִּי", קֶענְסְט זִיךְ אָנְטוּן מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, מִיט תְּשׁוּבָה און מִיט מִצְווֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים, וִוי אַזוֹי? "עַל יַד בֶּן יִשַׁי בֵּית הַלַּחְמִי", דוּרְךְ דָוִד הַמֶּלֶךְ, דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים; װייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה", װער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה, "יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים", זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; "קָרְבָה אֶל נַפְשִׁי גְּאָלָהּ", דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים װעסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דַיין גְאוּלָה, דוּ װעסְט װערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט, "כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל מְאֹד לִתְשׁוּבָה".

עֶס אִיז אַ מְחַיֶּ' װען מֶען טַייטְשְׁט אוֹיס דָאס דַאװֶוענֶען אַלֶעס אוֹיף זִיךְ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן קכה), װען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים אִיז דֶער עִיקָר - "לוֹמַר כָּל מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים עַל עַצְמוֹ", צוּ זָאגְן און אוֹיסְטַייטְשְׁן אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס, "לִמְצֹא אֶת עַצְמוֹ בְּתוֹךְ כָּל מִזְמוֹר וּמִזְמוֹר", זִיךְ אַלֵיינְס טְרֶעפְן; אַזוֹי

אוֹיךְ בַּיים דַאוֶונֶען, דָאס אוֹיסְטַייטְשְׁן אוֹיף זִיךְ, מֶען וֶוערְט מַמָּשׁ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע דְבֵיקוּת.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אוּן אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר.

...

## אוֹיסְצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע בִּיז פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**אַבְרָהָם מֹשֶׁה נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע טָאכְטֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע נַחַת פוּן דֶעם קִינְד אוּן אַלֶע קִינְדֶער, אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'.

דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה, פַּרְשַׁת בֹּא, זֶעט מֶען שׁוֹין יוֹם טוֹב פֶּסַח, מֶען גֵייט שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, וְויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, אִין צֶען וָואכְן אַרוּם אִיז שַׁבָּת הַגָּדוֹל, עֶס קוּמְט פֶּסַח, פַאְרְיָאר הָאסְטוּ מִיט הָאַבְרֵךְ אֲרִי פִּישׁ מִיר גֶעהָאלְפְן צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְּדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע; וְויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן אַז דִי יָאר זָאלְסְטוּ מִיר אוֹיךְ הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען גֵיין צוּם סֵדֶר אוּן הָאבְּן אוֹיסְגֶעצָאלְט אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן פַאר דִי מוֹסָד, אוּן דָאס וֶועט זַיין אַ זְכוּת פַאר דִיר פַאר אֵייבִּיג.

אוֹיךְ וְויל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דַיין הֲפָצָה, מִיט דִי "חִיזּוּק יוֹמִי" וָואס דוּ בִּיסְט מְחַזֵּק דִי וֶועלְט, אוּן אֵיידֶער דוּ מַאכְסְט דָאס אוּן אֵיידֶער דוּ שִׁיקְסְט דָאס אַרוֹיס זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קֵיין שׁוּם מִכְשׁוֹל, אוּן עֶס זָאל נָאר זַיין יִתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא.

...

**וואו אִיז מַיין שִׁידוּךְ?**

**אַ בָּחוּר פְרֶעגְט:**

קֵיינֶער זוּכְט נִישְׁט פַאר מִיר אַ שִׁידוּךְ, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? זָאל אִיךְ וַוארְטְן פַאר אַ נֵס, אָדֶער רוּפְן שַׁדְכָנִים?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ רוּפְן שַׁדְכָנִים, דַיין שִׁידוּךְ וֶועט קוּמֶען פוּן הִימְל.

...

## עֶס זֶעט אוֹיס טוּנְקֶל אוּן שְׁוַוארְץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כֹּחוֹת, אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעט אַייךְ אוֹיס וִוי אַלֶעס אִיז טוּנְקֶל, אַלֶעס אִיז שְׁוַוארְץ, זָאלְט אִיר אוֹיפְזוּכְן אִין דִי טוּנְקֶלְקֵייט דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט אַייךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קצה), מִיר זָאלְן אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין זַיינֶע צָרוֹת, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען אוּן גֶעוָוארְן פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעקֶענְט אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן.

הֶעלְפְט אִין שְׁטוּבּ אַייעֶר מַאמֶע, אוּן אַז אִיר הָאט אִיבְּרִיגֶע צַייט - זָאלְט אִיר זָאגְן תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וַוייטֶער גֶעבְּן מַעֲשֵׂר?**

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְּרֶעגְט:**

אִיךְ מוּטְשֶׁע מִיךְ צוּ צָאלְן מַיין מָארְטְגֶעדְזְשׁ, זָאל אִיךְ וַוייטֶער גֶעבְּן מַעֲשֵׂר?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

יָא, וַוייל פוּן מַעֲשֵׂר דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט, מֶען פַארְדִינְט נָאר.

...

**דִי עֶרְשְׁטֶע תִּיקּוּן אִיז מִקְוֶה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי שְׁטַארְק אִין גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, יֶעצְט אִין דִי שׁוֹבָבִי״ם טֶעג וֶוען מֶען קֶען פַארֶעכְטְן פְּגַם הַבְּרִית - דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קמא): ״דִי עֶרְשְׁטֶע תִּיקּוּן אִיז מִקְוֶה״; וַוייל דוּרְךְ מִקְוֶה וֶוערְט אַלֶעס פַארְרָאכְטְן, אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן - דוּרְךְ מִקְוֶה קֶען מֶען דָאס מְתַקֵּן זַיין.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, מֶען זֶעט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַאר עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַּאלְן נֶעבֶּעךְ אִין עֲבֵירוֹת, מֶען הָאט חֲתוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלָן מִיט גוֹי׳אִישֶׁע וַוייבֶּער, הָאט עֶזְרָא אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (עֶזְרָא ט, ו): ״בֹּשְׁתִּי וְנִכְלַמְתִּי לְהָרִים אֱלֹקַי פָּנַי אֵלֶיךָ״, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן מַיין קָאפּ, אוּן נָאכְדֶעם שְׁטֵייט (שָׁם י, ב): ״וַיַּעַן שְׁכַנְיָה בֶן יְחִיאֵל וְכוּ׳, אֲנַחְנוּ מָעַלְנוּ וְכוּ׳, וְעַתָּה יֵשׁ מִקְוֶה לְיִשְׂרָאֵל״, עֶס אִיז דָא אַ וֶועג דָאס צוּ פַארֶעכְטְן, אוּן דִי פָּסוּק כַאפְּט אָן אַ לָשׁוֹן פוּן מִקְוֶה, עֶר כַאפְּט נִישְׁט אָן אַ לָשׁוֹן יֵשׁ עֵצָה, יֵשׁ דֶרֶךְ, יֵשׁ עִנְיָן, נָאר יֵשׁ מִקְוֶה, צוּ וַוייזְן אַז דוּרְךְ מִקְוֶה קֶען מֶען אַלֶעס פַארֶעכְטְן, ׳יֵשׁ מִקְוֶה לְיִשְׂרָאֵל׳ דוּרְךְ מִקְוֶה אִיז דָא אַ הָאפֶענוּנְג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אֲפִילוּ מֶען אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת.

מוֹהֲרַאְ״שׁ בְּרֶענְגְט אִין דִי בְּרִיוְון אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ

יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִזְהָר צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "מִקְוֶה אִיז טַאקֶע נִישְׁט קֵיין מִצְוָה, אָבֶער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען צוּבְּרֶענְגֶען - קֶען קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה נִישְׁט צוּבְּרֶענְגֶען".

כַאפּ אַרַיין אַ בְּלַאט גְמָרָא; אִין דַיינֶע פַּארְנוּמֶענֶע טֶעג, אִין דַיינֶע טוּיזְנְט זַאכְן וָואס דוּ דַארְפְּסְט עֶרְלֶעדִיגְן - זָאלְסְטוּ כַאפְּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אוּן גוֹרֵס זַיין דִי בְּלַאט גְמָרָא, מַאךְ נִישְׁט חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן הַיינְט, מָארְגְן, נֶעכְטְן, אִיבֶּער מָארְגְן; מַאךְ יֶעצְט אוֹיף דִי גְמָרָא. דֶער רֶבִּי זָאגְט, וֶוער עֶס לֶערְנְט גְמָרָא טוּט אִים דִי בְּלַאט בַּאשִׁיצְן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ז, מְזֻבּוֹב וְעַכָּבִישׁ).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - אַ פַּאנְצֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, ב' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר זֶענֶען שׁוֹין אִין דִי דְרִיטֶע וָואךְ פוּן דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם, יֶעצְט אִיז דִי צַייט צוּ פַּארֶרעכְטְן אַלֶעס; זָאג יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דָאס אִיז אַ תִּיקּוּן פַאר פְּגַם הַבְּרִית. אוּן וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ פַּאנְצֶער, אַז וֶוען מֶען גֵייט אִין מִלְחָמָה טוּט מֶען זִיךְ אָן אַ פַּאנְצֶער, דֶעמָאלְט אֲפִילוּ מֶען שִׁיסְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ טוֹיטְלִיכֶע פַיילְן גֵייט עֶס נִישְׁט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר דֶער פַּאנְצֶער בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דִי פַייְלְן פַאלְן אַרָאפּ, אוּן אֲפִילוּ אִין פַאל דֶער פַּאנְצֶער צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ אוּן דֶער מֶענְטְשׁ ווערְט גֶע'הַרְגְ'עֶט - וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט וְכוּ'.

אִין דֶעם לִיגְט בַּאהַאלְטְן דֶער סוֹד פוּנֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אוּן יֶעדֶער

איינער וואס זאגט די צען קאפיטלעך תְּהִלִּים וואס דער הייליגער רבי האט מְתַקֵּן געווען - ווערט באשיצט מיט דעם אזוי ווי א פאנצער, די פיילן קענען נישט אנקומען צו אים צוליב דעם פאנצער; דאס הייסט אז אֲפִילוּ דער מענטש האט געזינדיגט חס וְשָׁלוֹם וועט עס נישט אריינגיין אין זיין נְשָׁמָה, צוליב דעם פאנצער - דעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, און אֲפִילוּ דער פאנצער צעבערעכט זיך און דער מענטש ווערט גע'הרג'עט וועט ער אויך ווערן געראטעוועט וְכוּ'; דאס הייסט אז דער תִּיקּוּן הַכְּלָלִי איז אזוי גרויס אז עס וועט אים ראטעווען פון אן אייביגע מִיתָה, ער וועט נאכאמאל מְגוּלְגָּל ווערן וְכוּ'.

דער רבי האט געזאגט מען זאל נישט מְגַלֶּה זיין די גאנצע מַעֲשֶׂה, אבער דער חֵלֶק פון די מַעֲשֶׂה האט מוֹהֲרַנְ"ש מְגַלֶּה געווען, צו ווייזן דאס גרויסקייט פון פאלגן צַדִּיקִים (עַיֵּין סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתצז).

טו נישט אויס דיין תְּפִילִּין נאר נאכן זאגן די צען קאפיטלעך תְּהִלִּים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הַצְלָחָה אין אלע עִנְיָנִים.

...

## געב אכטונג וואס דו קוקסט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בֹּא, ג' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוק נישט קיין מאוויס, קוק נישט מער קיין סטעטוס, פארברען זיך נישט די נְשָׁמָה, פארברען זיך נישט דיינע אויגן מיט דיין מֹחַ. האלט נישט אין אפיס כֵּלִים וואס זענען שעדליך, כֵּלִים וואס מען קען זען עֲבֵירוֹת, נִיאוּף, רַחֲמָנָא לִצְּלָן; מען פארלירט אלעס, מען ווערט אויסגעריסן פון די וועלט, מען פארלירט די וועלט און יענע וועלט, מען פארלירט די ווייב, די קינדער, מען ווערט פארשעמט פאר אלעמען.

א מענטש מיינט אז ער זיצט שטילערהייט אין זיין קאר, אין זיין אפיס, אין זיין דִּירָה'לע - און קוקט עֲבֵירוֹת און קיינער זעט נישט און קיינער וועט נישט וויסן פון דעם; אוי ווי, אוי ווי, מען מיינט אז מען קען זיך באהאלטן, אבער

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יִרְמְיָה כג, כד): "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים", אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶר קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר, "וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ, נְאֻם ה'", אוּן אִיךְ וֶועל אִים נִישְׁט זֶען; אִיךְ וֶועל פַארְצֵיילְן פַאר אַלֶעמֶען וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז.

הַלְוַואי וֶועסְטוּ אוֹיסְהֶערְן דִי רַבָּנִים אוּן דִי דַיָּנִים וָואס וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט דִי זַאכְן וָואס זֶענֶען מְטַמֵּא בְּמַגָּע וּבְמַשָּׂא וּבְאֹהֶל, פוּן קוּקְן נִיאוּף פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס; דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער אוּן דִי גֶעלְט, מֶען בְּלַייבְּט אָן קֵיין פְּרוּטָה, מֶען הָאט טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס וַוארְפְט אַוֶועק דִי שֶׁפַע, דֶער מֶענְטְשׁ לֵייגְט דִי שֶׁפַע בַּיי דִי קְלִיפּוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אוֹי וִוי בִּיטֶער עֶס אִיז אַז מֶען קוּקְט נִיאוּף, אוֹי וִוי שְׁלֶעכְט עֶס וֶוערְט דִי לֶעבְּן אַז מֶען קוּקְט נִיאוּף.

אָפְּגֶערֶעדְט פוּן קוּקְן פַּאדְקֶעסְטְס, דָאס אִיז דָאךְ עֶרְגֶער פוּן דָאס עֶרְגְסְטֶע; אִיךְ בֶּעט דִיר, פוּן דֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן, דָאס אִיז אַזוֹי שֶׁעדְלִיךְ, מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וִוי שֶׁעדְלִיךְ דָאס אִיז; עֶס רַייסְט אוֹיס דָאס בִּיסְל תְּמִימוּת וָואס מֶען הָאט אִין זִיךְ, מֶען פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן דִי וֶועלְט.

שַׁבָּת פַּרְשַׁת שְׁמוֹת הָאבְּן מִיר פָארְגֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן לב, מוֹרָא'דִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען דִי שִׂיחָה. דֶער רֶבִּי רֶעדְט דָארְט פוּן זִיךְ הִיטְן פוּן חֲקִירוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וְדַע, כִּי יֵשׁ עֲבֵרוֹת שֶׁהֵם מַכְנִיסִים כְּפִירוֹת בְּאָדָם", עֶס אִיז דָא עֲבֵירוֹת וָואס בְּרֶענְגֶען אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, (מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן), "וְיֵשׁ שֶׁבָּאִים עֲלֵיהֶם מַחֲשָׁבוֹת עַל הָאֱמוּנָה מֵחֲמַת שֶׁלֹּא נוֹלְדוּ בִּקְדֻשָּׁה כָּרָאוּי", אוֹיךְ אִיז דָא וָואס הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן שֶׁלֹּא בִּקְדוּשָּׁה (אָן הִיטְן הֲלָכוֹת), "וְיֵשׁ שֶׁהוֹסִיפוּ עַל זֶה מַעֲשֵׂיהֶם הָרָעִים שֶׁעָשׂוּ בְּעַצְמָם, כִּי יֵשׁ עֲבֵרוֹת שֶׁהֵם מַזִּיקִים וּפוֹגְמִים אֶת הָאֱמוּנָה כַּנַּ"ל", אוּן אוֹיךְ אִיז דָא וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעבּוֹירְן נִישְׁט בִּקְדוּשָּׁה אוּן זֵיי אַלֵיינְס הָאבְּן פַארְמֶערְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט;

אִיז וָואס אִיז דִי עֵצָה? וָואס טוּט מֶען דָא? זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וְלָזֶה צְרִיכִין בּוּשָׁה וְלֵב נִשְׁבָּר", מֶען דַארְף זִיךְ שֶׁעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאבְּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, "שֶׁמִּי שֶׁיֵּשׁ לוֹ חֲקִירוֹת וּמַחֲשָׁבוֹת אֵלּוּ חַס וְשָׁלוֹם", וַוייל וֶוער עֶס הָאט מַחֲשָׁבוֹת פוּן חֲקִירוֹת אוּן מַחֲשָׁבוֹת קֶעגְן דִי אֱמוּנָה - "רָאוּי לוֹ לְהִתְבַּיֵּשׁ מְאֹד", דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שֶׁעמֶען, "עַל אֲשֶׁר נוֹלַד בְּגַשְׁמִיּוּת כָּזֶה, אוֹ שֶׁעָשָׂה מַעֲשִׂים כָּאֵלּוּ שֶׁבָּא לָזֶה שֶׁיָּבוֹאוּ לוֹ מַחֲשָׁבוֹת כְּנֶגֶד אֱמוּנָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה", אַז עֶר זֶעט אַזוֹי אוֹיס, אַז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא מַצָּב פוּן הָאבְּן חֲקִירוֹת מִיט סְפֵיקוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, "וּכְבוֹד ה' מָלֵא אֶת כָּל הָאָרֶץ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָ' ו, ג): "'מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', וְעָלָיו בָּאִים מַחֲשָׁבוֹת חַס וְשָׁלוֹם לְגָרְשׁוֹ וּלְעָקְרוֹ חַס וְשָׁלוֹם", אוּן צוּ מִיר קוּמֶען אַזֶעלְכֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס ווִילְן מִיךְ אוֹיסְרַייסְן חַס וְשָׁלוֹם - "מֵאֱלֹקִים חַיִּים אֲשֶׁר הוּא חֵי הַחַיִּים יִתְבָּרַךְ וְיִתְעַלֶּה שְׁמוֹ", פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; וֶוען מִיר הָאבְּן דָאס גֶעלֶערְנְט הָאבְּן מִיר אַלֶע גֶעהַאט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן, אַלֶע זֶענֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן לִתְשׁוּבָה אָפְּצוּלָאזְן דִי אַלֶע פַּאדְקֶעסְטְס וָואס מַאכְן פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַרוֹיסְגֶעמֶען פוּן הַארְץ דִי וֶוייטָאג אוֹיף דִי וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי אַ וַותְּרָן אִין שְׁטוּבּ, גֶעבּ נָאךְ פַאר דַיין וַוייבּ, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט, אַזוֹי וֶועסְטוּ צִיעֶן דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַז דַיין וַוייבּ הָאט דִיךְ וֵויי גֶעטוּן, זִי הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַ וָוארְט נִישְׁט וִוי עֶס פַּאסְט - זָאלְסְטוּ אִיר פַארְגֶעבְּן אוּן מוֹחֵל זַיין. זַיי נִישְׁט קֵיין נוֹקֵם וְנוֹטֵר, עֶס אִיז אַ לַאו אִין דִי תּוֹרָה זִיךְ צוּ אָפְּרֶעכֶענֶען מִיט אֵיינֶעם וָואס הָאט וֵויי גֶעטוּן, אוּן נָאךְ אַ לַאו אִיז 'נוֹטֵר'

דָאס הַאלְטְן אִין זִיךְ (וַיִּקְרָא יט, יח); אַז דַיין וַוייבּ הָאט דִיךְ וַויי גֶעטוּן זָאלְסְטוּ דָאס אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן הַארְץ, מַאךְ נִישְׁט קֵיין מַחֲלֹקֶת.

דוּ וֵוייסְט אַז גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אִיז נָאר דָא בַּיי עֶלְטֶערְן וָואס קְרִיגְן זִיךְ נִישְׁט, אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן וִוי זֵייעֶר טַאטֶע מַאמֶע שְׁרֵייעֶן אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן, אַ רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי, דָאס וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין אַ פַּחַד, זֵיי פַארְלִירְן זֵייעֶר זִיכֶערְקֵייט, מֶען לַיידְט פוּן דֶעם אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער.

אַז דוּ וֶועסְט פְרֶעגְן, וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרוֹיס וֵוייטָאג פוּן הַארְץ? עֶס לִיגְט אִין הַארְץ וֵוייטָאג פוּן דִי וַוייבּ, וִוי זִי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט אוּן וִוי אַזוֹי זִי פִירְט זִיךְ נָאכְאַלְץ אוֹיף, וִוי קֶען מֶען זָאגְן נֶעם אַרוֹיס דִי וֵוייטָאג? טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט צְוֵויי עֵצוֹת, וָואס אֲפִילוּ דִי הַארְץ אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט וֵוייטָאג אוּן פַּיינְטְשַׁאפְט קֶען מֶען דָאס אַרוֹיסְנֶעמֶען אוּן הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה אִיז דוּרְךְ 'דָן זַיין לְכַף זְכוּת', מֶען זָאל טְרַאכְטְן אַז זִי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, זִי הָאט נִישְׁט גֶעמֵיינְט, זִי הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט, זִי אִיז גֶעוֶועןְ אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אָדֶער גָאר לוֹיט אִיר דֵעָה הַאלְט זִי אַז דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג זִיךְ צוּ בַּאגֵיין מִיט מִיר, זִי ווִיל דָאךְ נָאר גוּטְס, זִי הַאלְט אַז מֶען מוּז שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר אוּן נָאר אַזוֹי וֶועל אִיךְ זִיךְ טוּישְׁן וְכוּ', דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי פַּיינְטְשַׁאפְט אוּן דִי וֵוייטָאג.

דִי צְוֵוייטֶע עֵצָה אִיז דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; גֵיין אִין אַ שְׁטִילֶע לֵיידִיגֶע ווִינְקֶל אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַרוֹיסְזָאגְן אַלֶע וֵוייטָאג אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מַאכְן אַ נֵס אַז מֶען זָאל זִיךְ צוּרִיק לִיבּ הָאבְּן, מֶען זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין בּוֹיעֶן דִי שְׁטוּבּ, דִי נֶעסְט פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי וֵוייטָאג אוּן פַּיינְטְשַׁאפְט פוּן הַארְץ אוּן הָאבְּן אַ זִיסֶע לִיבְּלִיכֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

פַארְגֶעס נִישְׁט וואוּ מִיר זֶענֶען, מִיר זֶענֶען בַּיים רֶבִּינְ'ס חֵדֶר, בַּיים רֶבִּינְ'ס טִישׁ. מוֹהֲרַנַ"שׁ דֶערְצֵיילְט אִין דִי בְּרִיוו אַסַאךְ מָאל דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים רֶבִּי'ן מִיט אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים וָואס הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט זַיין וַוייבּ. אַמָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזִיצְן בַּיים טִישׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אִינְמִיטְן

הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "ווִי וואגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מַיין טִישׁ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת?!" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז אַרַיין אִין זַיין צִימֶער אוּן מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן זִיצְן בַּיים טִישׁ. וָוען דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער רֶבִּי גֵייט אַרַיין אִין צִימֶער, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִימֶער אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן, בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה. וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם אִינְגֶערְמַאן? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט זַיין וַוייבּ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן מִיט אִים בַּיי אֵיין טִישׁ; אַזוֹי שְׁטַארְק הָאט דֶער רֶבִּי מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת, וַוייל אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ - הָאט מֶען נִישְׁט קֵיין מֹחַ; מֶען וֶוערְט אוֹיס מֶענְטְשׁ, אוּן נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גָארְנִישְׁט אִיז הֶעכֶער פוּן דִי שִׂמְחָה אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בֹּא, ה' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז דִי דְרִיטֶע שַׁבָּת פוּן שׁוֹבָבִי"ם, צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דִי שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַ רֶמֶז 'מִצְוָה 'בּוֹ' יוֹתֵר מִ'בִּשְׁלוּחוֹ'', דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז דִי שַׁבָּת פַּרְשַׁת 'בֹּא' אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, נָאךְ מֶער פוּן שַׁבָּת בְּשַׁלַּח; זָאלְסְטוּ דִי וָואךְ זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף דִי אֵיין זַאךְ, 'זַיין פְרֵיילִיךְ', אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ זָאל דִיךְ נִישְׁט אָנְגֵיין; דִי עֶסְן, דִי רֵיינְקַייט, דִי שְׁלָאפְן, דִי בֶּעקִיטְשֶׁע, אַלֶעס אִיז זֵייעֶר גוּט אוּן זֵייעֶר חָשׁוּב, אָבֶּער נִישְׁט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן פַארְלִירְן דִי שִׂמְחָה פוּן שַׁבָּת. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיח:): "כָּל הַמְשַׁמֵּר שַׁבָּת כְּהִלְכָתָהּ", וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת, "אֲפִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה כְּדוֹר אֱנוֹשׁ", אֲפִילוּ עֶר אִיז אַזוֹי וַוייט גֶעפַאלְן אִין דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, אִין דִי עֲבֵירָה פוּן עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - "מוֹחֲלִין

לוֹ", אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת; זָאלְסְטוּ שַׁבָּת זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, טַאנְץ אוּן פְרֵיי זִיךְ 'אִיךְ בִּין אַ שׁוֹמֵר שַׁבָּת, אִיךְ בִּין אַ אִיד!'

קוֹיף אֵיין גוּטֶע זַאכְן לִכְבוֹד שַׁבָּת, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ קוֹיפְן פַאר שַׁבָּת זָאלְסְטוּ נִישְׁט קַארְגְן, הָאבּ אֱמוּנָה, גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, אוּן בַּיים אַיינְקוֹיפְן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן שְׁטִילֶערְהֵייט: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ קוֹיף אַיין לִכְבוֹד שַׁבָּת, אִיךְ ווִיל מְכַבֵּד זַיין שַׁבָּת, אִיךְ ווִיל אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן שַׁבָּת, גֶעבּ מִיר שֶׁפַע צוּ קֶענֶען אַלֶעס בַּאצָאלְן אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת"**; ווַייל בִּזְכוּת מְכַבֵּד זַיין שַׁבָּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ עֲשִׁירוּת, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת קיט.), רֶבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט לוּדְקִיָּא אוּן אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַ אִיד, אוּן עֶר הָאט דָארְט גֶעזֶען שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה אַז מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ גָאלְדֶענֶעם טִישׁ, דֶער טִישׁ אִיז גֶעוֶוען גֶעמַאכְט פוּן אַזוֹיפִיל גָאלְד אַז זֶעכְצְן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דָאס גֶעדַארְפְט אוֹיפְהֵייבְּן; אִינֶעם טִישׁ זֶענֶען גֶעוֶוען זֶעכְצְן זִילְבֶּערְנֶע קֵייטְלֶעךְ צוּגֶעבִּינְדְן צוּ זֵיי טֶעלֶערְס אוּן גְלֶעזֶער, אוֹיפְן טִישׁ זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, אוּן שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּשָׂמִים, אוּן וֶוען מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם טִישׁ הָאט מֶען גֶעזוּנְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל תְּהִלִּים (תְּהִלִּים כד, א): "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ וְגוֹ'", אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס, אוּן נָאכְן עֶסְן הָאבְּן זֵיי גֶעזוּנְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל תְּהִלִּים (שָׁם קטו, טז): "הַשָּׁמַיִם שָׁמַיִם לַה' וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם", אוּן רֶבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם בַּעַל הַבַּיִת: "וָואס פַאר אַ גוּטֶע זַאךְ הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא רַייכְטוּם?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ קַצָּב (בּוּטְשֶׁער), אוּן וֶוען אִיךְ זֶע אַ שֵׁיינֶע בְּהֵמָה לֵייג אִיךְ דָאס אַוֶועק פַאר מִיר פַאר שַׁבָּת", הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט: "אַשְׁרֶיךָ שֶׁזָּכִיתָ", וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, "וּבָרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁזִּכֵּךְ לְכָךְ", אוּן גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט דִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט דֶעם.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...